**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/12/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט פינף געווינער פון 1 מיליאן דאלאר אין 43NORTH'ס 9'טע יערליכע סטאַרט-אָפ פארמעסט

***פירמעס געוואונען 1 מיליאן דאלאר יעדע איינע אין א גאר אינטענסיווע סטאַרט-אָפ פארמעסט — ארויסהייבנדיג רעוואלוציאנערישע נייע שיטות און פראדוקטן צו אונטערצינדן מערב ניו יארק'ס ערפינדונגען עקאנאמיע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די געווינער פון די ניינטע יערליכע 43North 'פיינעלס' — ניו יארק סטעיט'ס 5 מיליאן דאלארדיגע סטאַרט-אָפ פארמעסט וואס ווערט אפגעהאלטן אין באפעלאו, אין וועלכע פינף רעוואלוציאנערישע פירמעס ווערן באלוינט יעדע איינס מיט אן 1 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג. די הויי-יאריגע קאנדידאטן זענען געקומען פון אריבער דעם לאנד, און זאגאר אזוי ווייט ווי לאנדאן, צו פארשטעלן זייערע געדאנקען ווי גוט זיי קענען נאר אין פארנט פון אן אנגעזעהענע פאנעל פון ריכטער און א געפאקטע זאל פון פארזאמלטע ביי Shea’s Performing Arts Center. יעדע פון די אויסערגעווענטליכע געווינער וועלן אריבערפירן זייערע פירמעס צו באפעלאו און ארבעטן ארויס פון די 43North 'אינקיובעיטאר' פראגראם ביי Seneca One, ברענגענדיג נייע דזשאבס און פארשידנארטיגע געדאנקען צו באפעלאו'ס וואקסנדע ערפינדונגען פעלד.

"ניו יארק איז פארפליכטעט צו אונטערשטיצן די וואוקס פון ערפינדנדע, שעפערישע נייע סטאַרט-אָפּס, און די 43North פארמעסט איז בלויז איינס פון די פילע וועגן אין וועלכע ניו יארק ארבעט צו טרעפן רעוואלוציאנערישע לייזונגען צו די היינטיגע שוועריגקייטן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך גראטוליר די פינף ענטוזיאסטישע געווינער וועלכע וועלן ברענגען זייערע דורכברעכנדע ביזנעסער קיין מערב ניו יארק, זיי וועלן אויפנעמען איינגעשטעלטע, אויפטרייבן געלטער און אינוועסטירן אין פראפערטיס און עקוויפמענט. א דאנק ניו יארק'ס אנגייענדע אינוועסטירונג אין 43North, לייגן מיר צו פינף נייע ביזנעסער וועלכע וועלן בלויז העלפן אפהילכן באפעלאו'ס רעפוטאציע וואס איז ריין פון א פלעק אלס איינס פון די שנעלסטע וואקסנדע סטאַרט-אָפּ שטעט."

**<u>די געווינער פון די 2023 43North פארמעסט זענען:</u>**

**Guidesly** – טאָפּספיעלד, מעסעטשוסעטס

- Guidesly איז א ספעציפישע SaaS פלאטפארמע וואס שטעלט צו סערוויסעס פאר די 40 ביליאן דאלארדיגע מארקעטפלאץ פון דרויסנדיגע פארוויילונג וועגווייזער מיט א מארקעטפלאץ פאר קונדן.

**KAV** – רעדוואוד סיטי, קאליפארניע

- KAV מאכן אויסצייכענונג-געווינענדע ספעציעל-צוגעפאסטע העלמעטס דעזיינט צו ראטעווען לעבנס און רעדוצירן קלעפן צו די מוח.

**Kredit Academy** – מיאמי, פלארידע

- Kredit Academy איז א ברייטע פינאנציעלע באקאנטשאפט פלאטפארמע וואס אפפערט 'ווייט-לעיבעל', קרעדיט-באזירטע לייזונגען געציהלט צו באפולמעכטיגן קליענדן, באזונדערס צענערלינגען יונגע ערוואקסענע, מיט די וויסנשאפט און כלים צו אויפבויען שטארקע קרעדיט בשעת'ן אויך צושטעלן פאר פינאנציעלע אינסטיטוציעס א ווירקזאמע וועג צו אריינציהען קליענטן און וואקסן.

**Stepwise** – קעימברידזש, מעסעטשוסעטס

- Stepwise מאכט דאס אריבערפירן א היים צו עלעקטריציטעט, ספעציפיש אינסטאלירן EV טשארדזשערס און היץ פאמפּס, ביליג פאר היים אייגנטימער בשעת'ן מאכן פארברייטונגען פאר די צוקונפט פון די עלעקטריציטעט גריד.

**StoreCash** – סען האָוזעי, קאליפארניע

- StoreCash איז א טעלעפאן באצאלונג סיסטעם פאר באניצער צו באצאלן ביליגערהייט און גרינגערהייט נוצנדיג QR קאָודס ביי שוין איבער 200,000 לאקאציעס, פארדינענדיג מאקסימאלע 'קעש בעק' ביי זייערע באליבטע געשעפטן.

43North'ס געווינער זענען אויסדערוועהלט געווארן דורך די פאלגענדע פארמעסט ריכטער:

- סוּטיען דאנג, שותף אין Multitudes און פון איינער פון די גרינדער פון Global Women in VC
- דעיוויד האל, מענעדזשינג שותף ביי Revolution און איר Rise of the Rest אינוועסטירונג קאסע
- סענדרע מוּר, מענעדזשינג דירעקטארין און טשיעף אימפעקט אפיסער פון Advantage Capital
- יענסי ספרוּאיל, באפעלאו-געבוירענע און טשיעף עקזעקיוטיוו אפיסער פון DigitalOcean
- דזשעני פיעלדינג, איינע פון די גרינדערינס און מענעדזשינג שותף'טע ביי Everywhere Ventures

אין צוגאב צו די 1 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג, באקומט יעדע פירמע אויך אומשאצבארע מענטארינג סערוויסעס, צוטריט צו מומחים, אפיס פלאץ און די געלעגנהייט צו קומען אין פארבינדונג מיט א ברייטע נעטווארק פון אינוועסטירער. אין לויף פון די פארגאנגענע ניין יאר האט 43North אינוועסטירט אין א פארשידנארטיגע אינדוסטריע ליסטע פון 64 פירמעס — פון וועלכע כמעט 60% האבן אן אנגייענדע אנוועזנהייט אין באפעלאו, 46 פראצענט-פון וועלכע געגרונדעט דורך מינאריטעטן און 26%

דורך פרויען. פריער היי יאר האט 43North באריכטעט אז די ליסטע פון פירמעס אין וועלכע זי האט אינוועסטירט האבן צוזאמען געשאפן מער פון 1,100 דזשאבס אין מערב ניו יארק.

דאס יאר – אין צוגאב צו די פינף 1 מיליאן דאלארדיגע געווינסן – איז א $25,000 'מענטשן'ס אויסוואל" געווינס, פינאנצירט דורך Highmark Blue Cross Blue Shield געגאנגען פאר Kredit Academy, די אויסוואהל פון די לעבעדיגע פארזאמלטע היינט נאכט.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO קאמישאנער האָופ נייט,** "ESD איז זייער שטאלץ צו זיין די טרייב קראפט הונטער 43North, ברענגענדיג סטאַרט-אָפּ פירמעס פון א הויכע קוואליטעט און מער פון טויזנט נייע דזשאבס צו באפעלאו. די אויפמערקזאמקייט גייט יעצט צו די היי-יאריגע געווינער, און מיר קוקן ארויס צו זעהן זייערע שעפערישע געדאנקען טרייבנדיג צו פאזיטיווע תוצאות אין א ברייטע רייע פון אינדוסטריעס, בשעת'ן אויך צולייגן צו די ראיאן'ס וואקסנדע ביזנעס אטמאספערע."

**טשעירמאן פון 43North, מייק ווייסלער, האט געזאגט,** "אין אונזער 9'טע פארמעסט, איז די קוואליטעט פון די פירמעס און גרינדער וואס North43 האט געקענט צוציהען געווען קלאר צו זעהן היינט נאכט. מיינע וואונטשן פאר אונזערע פינף נייעסטע געווינער און ברוכים הבאים צו באפעלאו צו נעמען אייערע פירמעס צו די קומענדיגע שטאפל!"

**פרעזידענט פון 43North, קאלין היידינגער, האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט צו צולייגן די פינף פארשפרעכנדע ביזנעסער צו אונזער ליסטע, און מיר ענטפאנגען די גרינדער אלס פינף נייע איינוואוינער צו אונזער ראיאן. אזוי ווי מיר גייען אריין אין אונזער צענטע יאר, וועט זייער אנוועזנהייט ביישטייערן צו די שוואונג פון באפעלאו'ס אויפשטייגנדע ביזנעס אטמאספערע, און עס וועט העלפן ביים אויספארעמען א דויערהאפטיגע, בליהענדע צוקונפט פאר אונזער ראיאן."

די הצלחה פון 43North און אירע געווינענדע ביזנעסער האט געשפילט א הויפט ראלע ביים ארויפלייגן באפעלאו אויפן מאפע אלס איינס פון די שנעלסטע וואקסנדע סטאַרט-אָפּ שטעט. די ביזנעס 'עקסעלערעיטאר' פראגראם ווערט פינאנצירט דורך די ניו יארק סטעיט רעגירונג, און עס וועט באקומען שטיצע פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט צו פארזעצן צו אפהאלטן די גאר אינטענסיווע פארמעסטן פאר צום ווייניגסטנס נאך דריי יאר.

**איבער 43North**
43North איז אן עקסעלערעיטאר פראגראם וואס ריכט אפ א יערליכע סטארטאפ פארמעסט, און אינוועסטירט 5 מיליאן דאלער א יאר צוזיציען און קולטיווירן הויכע-וואוקס קאמפאניס אין באפעלאו, ניו יארק. 43North׳ס פארטפעל קאמפאניס באקומען אויך בחינם׳דיגע אינקובאטאר פלאץ אין באפעלאו אויף איין יאר, אנווייז פון מענטארן אין פארבינדענע געביטן, און צוטריט צו אנדערע ביזנעס אינצענטיוו פראגראמען ווי צ.ב.ש. ׳סטאַרט-אָפּ ניו יארק׳. 43North האלט זיך אויף דורך שטיצע פון גאווערנער קעטי האקול, עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, די Ralph C. Wilson, Jr. Foundation און עטליכע אנדערע ספאנסארס. פאר מער אינפארמאציע איבער 43North, באזוכט [www.43north.org](http://www.43north.org).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן